# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Shtam Un Opshtam (Fragment fun a Poeme)/ Origin and Derivation (Fragment of a Poem)

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/4mr3c71r

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author

Moshe Shklar, Moyshe Shklyar/

### Publication Date

1980

### Copyright Information

Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

משה שקליאַר

# שטאַם און אָפּשטאַם

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

די קינדער, די קינדער, וואָס וויסן די קינדער
מיט יידישע אויגן און גויאישע נעמען —
איז וואָס, אַז מען מען האָט איבעם לאַנד דאָרט געצונדן
אויף ס'ביי שוין די שייטערס פאַר זיי פון גיהנום...
געווען איז עס זייערס, דאָס לאַנד ביי דער ווייסל,
אַזוי ווי אַמאָל פאַר די טאַטעס און מאַמעס,
פאַר דורות, וואָס האָבן געמיט און געפלייסט זיך,
צו לאָזן דאָרט וואָרצלען, אַז ס'זאָלן די שטאַמען
געדייען מיט אַלערליי פּרוכטן און זאַפטן.
איז שווער איצט פאַר זיי אָט דאָס לאַנד צו פאַרלאָזן.
זיי דאַכט זיך, דער הימל קוקט נאָך אַ פאַרגאַפּטער
די צוגן, וואָס פירן אַוועק זיי פון גראָזן
די פוילישע — זאַפטיקע, גרינע; די טייכן,
די אָזיערעס, ביימער, די בערג און די טאָלן,
און ס'ועט מער די זון זייער וועג נישט באַלייכטן —
די זון, וואָס זעט אויס איצט פון ווייטיק געשוואָלן.

געווען אין אַ צוג אַזאַ פּיעטעק און מאַניע,
נאָר־וואָס פון דער שול־באַנק אַוועק, אָפּגעריסן.
דעם ייִנגל די ווייטקייט געלאָקט האָט, געמאַניעט,
נאָר מאַניען דאָס האַרץ האָט געבלוטיקט פון וויסן
צו פיל און צו ווייניק. געזוכט זי האָט אַלץ נאָך
אַליין צו געפינען אַן ענטפער, אַ תשובה,
פאַרוואָס ס'האָט ביז איצט נאָך געפייניקט דער שטאָך איר
פון ערשטן מאָל הערן דאָס פלוכט־וואָרט — „זשידאָווא"...
געקומען אַהיים — זי געדענקט — אַ פאַרווייִנטע,
און קיינעם געטראָפן. דער טאַטע, די מאַמע,
ווי שטענדיק פאַרנומען מיט טראָגן די שיין צו
דער פוילישער יוגנט. געמוזט זיך פאַרזאַמען
ביז שפּעט אין דער נאַכט אויף אַ זיצונג, פאַרזאַמלונג,
וווּ מען האָט דעמאָלט אַן אויפהער געשריען
און אַנדערע האָבן געהיקעט; געשטאַמלט
וועגן ברוטאַלער אַגרעסיע פון ציון —
דעם לאַנד פון די יידן אויף ביבלישער ערד דאָרט.
און זי האָט אַליין נישט געוווּסט דעמאָלט, מאַמיע,

ווער די קרבנות עס זענען, ווער מערדער...
זי האָט עס ערשט שפּעטער, פיל שפּעטער פאַרשטאַנען.

נאָר איצט איז זי שטיל אַ פאַרווײנטע געזעסן
און נישט געווען איז פאַר װעמען זיך קלאָגן.
דאָס פלוכט־װאָרט איז שווער געווען איר צו פאַרגעסן,
געדאַכט האָט — אַ שאַנד־צייכן איז עס, וואָס טראָגן
זי וועט אויף זיך אייביק, ביז סוף פון די יאָרן.
און דעמאָלט האָט מיטעק די טיר אויפגעעפנט,
אין שטוב איז אַריין ער אַביסל פאַרלאָרן —
געריכט זיך זיין מיידל אַ פריילעכע טרעפן,
נאָר זי האָט די בליקן פון אים אָפּגעווענדט גאָר.
געזוכט האָט ער טרייסט־ווערטער פאַר זיין געליבטער,
געווישט אירע טרערן, געגלעט אירע האָר,
ביז זי האָט ענדלעך געפרעגט מיט אַ ציטער:
— מיין פריינד, וואָס מיינט עס צו זיין אַ זשידוואָ?
האָט מיטעק זי לייכט פאַר אַ האַנט אַנגענומען,
אַ ווײלע פאַרטראַכט זיך, ווי ער וואָלט אַ תשובה
געזוכט ערגעץ טיף, אין זיין אייגענעם שטומען.
— איז דאָס וואָס עס מאַכט דיך אַזוי־אַ פאַרביטערט?
„זשידוואָ״, זשידוואָ״... דו טייערסטע ניינע,
אַ שטאָלץ איז געהערן צום פאָלק, וואָס געליטן
אַזוי פיל דורך דורות האָט. איך בין אויך איינער,
וואָס טראָגט אין זיין בלוט פון ישראל דעם צייכן —
און צו ישראל מיר וועלן דערגרייכן!

— — — — — — — — — — — —

דערמאָנט זיך איצט מאַניע די וואַרשעווער נאַכט דאָרט,
ווען זיי זענען לאַנג נאָך געזעסן פאַרטראַכטע,
ביז ס'זענען געקומען אַהיים טאַטע־מאַמע
און זי האָט געפרעגט זיך פון וועמען זיי שטאַמען.
דער טאַטע ט'געעפנט די אויגן פאַרוואונדערט —
אַליין איז ער פול עוונן דעמאָלט מיט וווּנדן
נאָר־וואָס האָט די זעלביקע שאלה געשטעלט אים
אַ חבר, וואָס גרייט איז געווען אים פאַרגעלטן.
שוין לאַנג אויף אים האָט ער געשאַרפט זיינע ציינער,
אַזוי ווי אַ הונט ווען ס'פעלן אויס ביינער.
איז אויסגענוצט האָט ער די הויכע טריבונע
פון דער פאַרזאַמלונג צו פרעגן דעם נאָמען,
דעם אמתן נאָמען און אָפּשטאַם פון חבר

קאָוואַלסקי. און ס'האָט אײנעם זאָל ווי אַ לאָווע
צעהיצט זיך דער עולם. — יאָ, זאָל ער זאָגן
דער ציוניסט, וואָס שלעפּט נאָך זיך דעם וואָגן
פון אונדזער פּאַרטיי מיט אַ פּנים פאַרשטעלטן,
וועלכער ער קלייבט זיך צו דינען די וועלטן...

איז וואָס זאָל ער ענטפערן איצטער דער טאַטער
ווען ער געווען איז נאָך אַלץ אַ צעקאָכטער?
— פון וועמען מיר שטאַמען, מיין קינד? כ'האָב באַדאַרפט שוין
פון לאַנג דיר אַנטהילן דעם סוד און די קרוין
פונעם שטאַם איבערגעבן. נאָר ווייזט אויס צו שוואַך
כ'בין געווען און געשראָקן זיך ס'זאָל נישט דער דאַך
פונעם הויז, וואָס געבויט כ'האָב מיט מי, זיך צעפאַלן.
נאָר איצטער, ווען ס'האָבן צעבילט זיך שאַקאַלן,
איז צייט דו זאָלסט וויסן און קאָנען זיך שיצן
אַנטקעגן די דונערן בייזע און בליצן.
מיין נאָמען איז שמיד און איך שטאָם פון די שמידן,
וואָס גרייט געווען זענען די קייטן פאַר יידן
צערייסן, צעשמעלצן, אויף פּיצלעך צעברעקלען — — —
געהערט האָט אים מאַניע און ס'האָבן די בעקלעך
צעפלאַמט זיך ביי איר, ווי נאָך קושן די ערשטע,
און שווער געווען איז איר די פרייד צו באַהערשן —
די פרייד, וואָס זי האָט זיך אַליין אָפּגעפונען.
און ווידער עס זענען איר טרערן גערונען
פון אויגן מיט דאַנקבאַרקייט פולע צום מאַן דעם
וואָס איז איצט געשטאַנען פאַר איר גאָר אַן אַנדערער,
ווי זי וואָלט ערשט איצט אויף אַן אמת דערקענט אים.
נאָר ער האָט די בליקן פון איר אָפּגעווענדט און
אַ קוק געטאָן זייטיק צום פענצטער אין ווינקל,
ווו ס'איז די מאַמע געזעסן אין טונקל
פאַרהילט. אויף איר פּנים דעם מידן און בלייכן
געזען האָט ער שפּילט זיך אַ ליכטיקער שמייכל.